א ליכטיגן תמיד
אודיא
פנים מאירות
אנגעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

# די מהלך פון ר' ישעי'לע

## (אצל סעודת הילולא שע"י מוסדות 'רב להושיע' שנת תשפ"ב)

### עס איז דא 'ללמוד', און עס איז דא 'לשמור ולעשות ולקיים'

פארוואס קאכט זיך די וועלט אזוי אין רבי ישעי'לע...

אין מדרש שטייט 'טוב רואי' גייט ארויף אויף 'דוד המלך'. פארוואס? ווייל 'כל רואיהו' ווער עס האט געזען דוד המלך, 'נזכר לתלמודו' האט ער זיך דערמאנט פון די לערנען פון דוד המלך.

פרעגט דער קוצקער רבי זצ"ל, א מענטש וואס האט א כח השכחה, ער האט פארגעסן זיין לערנען, און אז ער קוקט אויף דוד המלך דערמאנט ער זיך דאס לערנען, וואס איז פשט? נאר וואס דען - זאגט דער קוצקער רבי - ווען א איד האט געקוקט אויף דוד המלך, האט ער זיך דערמאנט די תורה וואס ער האט געלערנט, איז פשט, א מענטש קען לערנען תורה, מען קען לערנען הלכה, מוסר, חסידות, מען קען אלעס לערנען, אבער עס איז דא איין זאך, מען ווייסט נישט וויאזוי עס מקיים צו זיין. די ללמוד איז דא, אבער די לשמור ולעשות ולקיים, די מהלך וויאזוי עס מקיים צו זיין, דארף מען האבן א עקסטערע שימוש. אויף דעם זאגט די מדרש, אז ווען א איד האט געקוקט אויף די הייליגע צורה פון דוד המלך, דוד המלך'ס מהלך, די עבודת הקודש פון דוד המלך, האט ער זיך דערמאנט און ער האט געזען אלעס וואס ער האט געלערנט, וויאזוי ער קען דאס מקיים זיין בפועל ממש.



מען איז זיך צאמגעקומען היינט דא, לעילו נשמת דער הייליגער צדיק, קדוש וטהור, רבי ישעיה ב"ר משה, וואס די וועלט האט זיך זייער פארקאכט אין

דעם. מען דארף זיך אריינטראכטן: פארוואס קאכט די וועלט אזוי אין רבי ישעי'לע, אונז האבן אזויפיל צדיקים, תלמידי בעל שם, וואס איז דער רבי ישעי'לע אזוי אויפגעקאכט אין די וועלט?! רבי ישעי'לע האט נישט מחבר געווען קיין ספרים, אז איינער זאל לערנען, אזיוויי מען לערנט אין די ספרים פון די אלע צדיקים און מען ווערט א חסיד פון זיי, מען גייט אויף די מהלך וויאזוי זיי לערנען פאר תורה וחסידות.

רבי ישעי'לע האט נישט איבערגעלאזט קיין ספרים, ער האט נישט געזאגט קיין תורה, רבי ישעי'לע האט נאר פארגעלערנט אינעווענדיג אין נועם אלימלך, אך פרי תבואה און ישמח משה, ער האט אפילו נישט צוגעלייגט הערות. וואס קאכט זיך אזוי דער עולם אין רבי ישעי'לע? וואס טו מיר אונז מיט רבי ישעי'לע?

## א כיבוד פון שיילן פאטעטאס...

מען זעט גארנישט אבער
מען הייבט זיך אין מדריגות

איך וויל אנפאנגן מיט א מעשה וואס דער קאפעווארער רב זצ"ל האט פארציילט [ער איז געווען הרב אונגאר... אין סקווירא האט ער געהאט צוויי זון, אין ארץ ישראל האט ער געהאט א זון, דער רב פון חוג חתם סופר] וואס ער האט מיטגעמאכט ביי רבי ישעי'לע, א הפלא ופלא'דיגע מעשה... עס איז נישט קיין מופת, עס איז נישט קיין געלט-מעשה, אבער עס טייטשט אפ 'רבי ישעי'לע' מורא'דיג קלאר. די מעשה איז אזוי געווען. עס איז געווען שבת פרשת וישב, אינמיטן די ווינטער, דער קאפעווארער רב איז געווען אן אונגארישער רב, ער קומט דארט אן ערב שבת, היינטיגע צייטן, ווען איינער זאל טון דאס, איז ער אין א גרויסע סכנה... זאגט ער, עס זענען געקומען גרויסע רבנים צו רבי ישעי'לע, און מען האט זיי געוואלט מכבד זיין.

מיט וואס קען מען מכבד זיין? ביי רבי ישעי'לע איז נישט געווען קיין פארענטשעס, ביי רבי ישעי'לע האט מען נישט געטיילט קיין גרויסע כיבודים. רבי ישעי'לע האט דאך געוואלט מכבד זיין די גרויסע רבנים, רבי ישעי'לע האט זיי אלע אריינגערופן אין די קאך, און ער האט יעדעם געגעבן א מעסער מיט א פעקל פאטעטאס [-קארטאפל] אז זיי זאלן עס אפשיילן, א זאק פאטעטאס... שטעלט זיך פאר היינטיגע צייטן, עס קומט א גרויסער רב און דו ווילסט אים מכבד זיין, "רבי, איך דארף פאטעטא קוגל אויף שבת, אפשר שיילט איר מיר עס אפ מיט א מעסער?"... רבי ישעי'לע האט מכבד געווען רבנים גדולים צו שיילן פאטעטאס...

ער איז נאכנישט פערטיג... פארציילט ער, עס זיצן דארט די רבנים און שיילן פאטעטאס אין די קאך, און זיי הייבן אן רעדן אזוי צווישן זיך, פארוואס קומען מיר דא אויף קערעסטיר, מען זעט נישט גארנישט?

רבי ישעי'לע האט מען ניטאמאל געהערט דאווענען, ער איז געזעצן אויפן בענקל אזוי פאר'מח'ט, ער האט כמעט נישט ארויסגעוויזן קיין הרגשים, ער איז געווען פארנומען מיט טיילן עסן און מקרב זיין דעם און יענעם, ער האט נישט געהאט קיין בחורים וואס זענען געשטאנען אויף די פארענטשעס...

פארוואס קומען מיר דא? פארוואס זענען מיר דא?... אזוי האבן די רבנים געשמועסט צווישן זיך, בשעת'ן שיילן פאטעטאס...

רבי ישעי'לע האט דאך געהאט 'תפיסת המחשבה', רבי ישעי'לע האט געהאלטן אינמיטן מעביר סדרה זיין פרשת וישב, ער שפאצירט אריין אין די קאך ווי די רבנים שטייען און שיילן פאטעטאס, און ער הייבט אן זאגן הויך, דארט וואו ער האלט. שטייט אזוי: אין שר בית הסוהר רואה כל מאומה בידו, דער שר הסוהר זעט גארנישט אויף דעם יוסף, באשר ה' אתו ואשר הוא עושה ה' מצליח, אזוי האט רבי ישעי'לע הויעך פארגעזאגט די פסוק שנים מקרא ואחד תרגום, און ער האט ארויסמאשירט. און די רבנים האבן ווייטער געשמועסט צווישן זיך, האבן זיי געזאגט, אז ביי רבי ישעי'לע האט מען זוכה געווען ביים שיילן פאטעטאס פאר אידישע קינדער, צו וואס מען איז זוכה ביי אנדערע צדיקים וגדולים.

די מעשה דארף מען פארשטיין.

מען זעט אויך ביי רבי ישעי'לע אן אינטערעסאנטע זאך. רבי ישעי'לע פלעגט אסאך מאל פארציילן זיינע אייגענע מופתים, רבי ישעי'לע פלעגט קענען זיצן מוצאי שבת און פרעגן: "נו, א מעשה פון א צדיק?"... אויב קיינער האט נישט פארציילט, האט רבי ישעי'לע פארציילט פון זיך... איינמאל האט רבי ישעי'לע פארציילט א מופת:

עס איז אריינגעקומען צו מיר א איד: "אוי רבי! דער גוי וויל מיר הארגענען!!!", "וואו?" "דא אינדערוויסן!". רבי ישעי'לע גייט ארויס און ער זעט טאקע א גוי מיט א האק, ווי ער וויל געבן א האק דעם איד! פרעגט אים רבי ישעי'לע: "פארוואס ווילסטו הארגענען דעם איד?!". זאגט ער: "רבי, ער האט באשטעלט א וואגן פול מיט האלץ, און ער וויל עס נישט באצאלן!". פרעגט רבי ישעי'לע: "פארוואס ווילסטו נישט באצאלן?!". זאגט ער: "וואס הייסט פארוואס? איך האב באשטעלט א וואגן וואס מען לייגט די האלץ מסודר, איינס אויפן צווייטן, וואס פילט אן די וואגן, ער האט געלייגט א האלץ רעכטס א האלץ לינקס, נאך צען העלצער איז שוין געווארן אנגעפילט די וואגן, איך וויל אים נישט באצאלן פאר דעם!".


פ"נ
הרב הצדיק הק' והטהור המפורסם מופת הדור מנורה הטהורה
אספקלריא המאירה כתר שם טוב האי חסיד האי עניו
נזר ועטרה אוהב ישראל וקדושו רכבו ופרשו סבא קדישא
מרן רבינו ישעיה בן מו"ה משה זצ"ל
יחיד ברורו בצדקת פזרונו וישרות דרכי צדקתו
שומר הברית והחסד אין חקר לחסידותו וקדושתו
עמוד גמ"ח צ"ע מפורסם במדות טובו וענותנותו
ידו פרש שר בתפלה ותחנונים ונושעו בתפלתו
הלבש ערומים השיא יתומים עוד בימי בחרותו
ביתו פתוח בביתו של אאע"ה ובני ביתו היו עניים
נהרו אליו רבבות אלפי ישראל מאפסי ארץ ואיים
משכיל אל דל מעביר על מדותיו ולא כעס מעולם
שרת באמונה לרבו הקדוש מליסקא זי"ע אור עולם
השכיטו לפתחו חכמי ישראל צדיקים וגדולים
זיכה את הרבים אמונה ובטחון נטע בתוכם
צדיקי דורו ענו אחריו מקודש ועשו לו סמוכים
לחם רב עבד לסעודת דוהמע"ה הרבה זבח ונסכים
הצנע לכת בקדושתו אור מופלא ומכוסה בכל הדרכים
הכנים אורחים בספ"י האכילם והשקם כבני מלכים
חמשים שנה ישב על כסא קדשו והאיר לארץ ולדרים
וביום ג' אייר ח"י ספירה תרפ"ה לפרט קטן נתעלה לטרום
תנצב"ה

רבי ישעי'לע לייגט עס אזוי אראפ: "איך האב געמאכט א מופת, דער גוי האט ארפאגעלייגט דעם האק! איר ווילט וויסן וויאזוי? איך האב אים באצאלט...

אזוי האט רבי ישעי'לע פארציילט א מופת... דער גוי האט אראפגעלייגט דעם האק...

מען דארף די מעשה אביסל ארויסברענגען.

## רבי ישעי'לע - א לעבן פאר יענעם!

### האסט זיך ליב, נישט די מזונות, ווען יא, עסטו עס נישט...

יעצט, שטייט פון צדיקים, וואס איז געווען די כח פון רבי ישעי'לע? דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט געזאגט אויף רבי ישעי'לע אז ער איז א נוטר הברית כל ימי חייו, און אסאך צדיקים האבן געזאגט אויף אים די בחינה פון יוסף הצדיק, יוסף הוא המשביר, אז ווער עס איז א שומר הברית, ער היט זיך בקדושה וטהרה, מיום הוולדו, ער האט קיינמאל נישט פוגם געווען, ער באקומט די כח פון הימל צו געבן אן השפעה.

לאמיר עס אפטייטשן א מינוט, וואס מיינט דאס? וואס מיינט א שומר הברית? וואס מיינט תאוות?

'תאוות' מיינט: ווען א מענטש לעבט אויף די וועלט, און טראכט פון זיך, און נעמט פאר זיך, דאס איז תאוות. תאוות איז, אין קורצע ווערטער, אנכי. איך נעם. מען זעט א גוטן שטיקל מזונות, און מען האט 'זיך' ליב, און מען עסט די מזונות, נישט די מזונות האט מען ליב, ווייל אויב יא, דעמאלסט לאזט מען די מזונות אויפן טיש, נאר די פשט פון א תאווה איז - מען האט זיך ליב!

רבי ישעי'לע האט געהארעוועט אויף קדושה. פשט פון דעם איז, אז רבי ישעי'לע האט גענומען זיין גאנצן לעבן פאר יענעם, פארן אויבערשטן, פאר אידישע קינדער. וואס הייסט? געבן פאר אידישע קינדער, געבן פאר די רבוש"ע, פאר די עם סגולה. ביי רבי ישעי'לע איז נישט געווען אזא זאך וואס הייסט נעמען פאר זיך.

## די באגריף: א 'קערעסטירער חסיד'

### אז דו גיבסט פאר יענעם – דערשרעקן זיך די מייז...

איך האב אריינגעטראכט א מורא'דיגע זאך. ביי אסאך צדיקים איז דא א 'מהלך', און ווען איינער וויל נעמען דעם צדיק'ס מהלך, זענען דא די ספרים, אין וועלכע מען קען לערנען צו ארויסהאבן די מהלך. לדוגמא: איינער וויל ווערן א ברסלב'ער, לערנט ער ספרי ברסלב. ער וויל ווערן חב"ד, לערנט ער ספרי חב"ד. מען קען לערנען די ספרים פון תפארת שלמה, טיפע חסידות. דער מאור ושמש, קדושת לוי, דער באר מים חיים.

וואס און וואו, קענען מיר לערנען 'רבי ישעי'לע'?! איך וויל ווערן א 'קערעסטירער חסיד' דורך תורה!!

די תשובה איז: זייער פשוט! נעם דיין גאנצע לעבן, רבי ישעי'לע דארף נישט

קיין ספר, רבי ישעי'לע איז חומש רש"י, גמרא, חז"ל, מוסר, חסידות, אלעס איז 'רבי ישעי'לע'!... ווייל די יסוד פון 'רבי ישעי'לע' איז: גיב דיין לעבן אוועק! פון דיינע תאוות, פון דיין 'איך' - פארן אייבערשטן און פאר אנדערע אידן! דאס איז רבי ישעי'לע! די עבודת הקודש האט אונז רבי ישעי'לע אויסגעלערנט!

פארוואס האט רבי ישעי'לע פארטריבן מייז?! היינט הענגט מען אויף א בילד פון רבי ישעי'לע... באלד וועט מען רעדן, עס האט נישט קיין עכטע מקור, אבער למעשה, אידן הענגען עס אויף, און אידן זעען זאכן, מען קען עס נישט אוועקמאכן... אבער וואס איז מייז? עכברא רשיעא... וואס טוען מייז? די מייז גייען אריין צו יענעם אין אוצר, און זיי עסן אים אויף זיין חלות, זיין ווייץ, זיינע הויז זאכן, זיי זענען גנבים, זיי זענען רשעים...

ווער האט געקענט פארטרייבן מייז? רבי ישעי'לע! רבי ישעי'לע האט געזאגט פאר די מייז: "ווייסט ווער איך בין?! איך נעם גארנישט פאר מיר, איך גיב אלעס פאר יענעם!!"... אז דו גיבסט פאר יענעם, פון דעם האבן זיך די מייז דערשראקן, זיי כאפן פליטה!...

הרב ניישלאז ז"ל פון סקווירא פארציילט, ער האט געזען דעם שטר ווען רבי ישעי'לע האט געהייסן פאר א איד וואס האט מייז, שרייבן, אז רבי ישעי'לע פון קרעסטיר האט געהייסן זיי זאלן אריבערגיין צום גוי דער שכן, ער האט געזען דעם שטר! און אזויווי טויזענטער מייז האבן זיך אנגעפאנגן רוקן צום שכן אריין. אוודאי האט רבי ישעי'לע געקענט! א מייז טראכט פון זיך, ער נעמט אוועק פון יענעם - פאר זיך, ווער איז רבי ישעי'לע? אוועקגעבן זיין זיך פאר יענעם - ער טרייבט אוועק די מייז! און נאכמער פון דעם, רבי ישעי'לע האט משפיע געווען אויף דעם איד וואס האט געהאט די מייז, ער זאל ווערן א קערעסטירער חסיד, און גיין אויף די מהלך פון קערעסטיר. וואס איז די מהלך פון קערעסטיר? גיב אוועק דיך פאר יענעם, הער אויף אוועקלייגן אזויפיל ווייץ אין דיין פעלד, טייל אביסל פאר יענעם!

## די קערעסטירע באוועגונג

### א איד גיבט פאר יענעם, א גוי נעמט נאר פאר זיך

ווען מען רעדט אז רבי ישעי'לע האט געזאגט 'אדער זיך בייגן אדער זיך לייגן', ווען מען רעדט אז רבי ישעי'לע האט געזאגט אז 'א גוי דארף נעמען, אדער געלט, אדער א מיתה משונה' - אוודאי האט רבי ישעי'לע דאס געקענט באווייזן! וואס איז א גוי? א גוי איז אן 'אנכי', א גוי טראכט פון תאוות, פון 'זיך', די גאנצע לעבן איז 'זיך' מיט 'זיך', יענעם צו צעברעכן און יענעם צו צעשיסן, און פאר מיר נעמען, און פאר מיר מאכן. ווען א גוי איז געקומען און זיך פארטשעפעט מיט א איד, האט רבי ישעי'לע אריינגעלייגט אזא געפיל, אזא באוועגונג, לאמיר עס רופן 'די קערעסטירער באוועגונג פון רבי ישעי'לע'... ער האט אריינגעלייגט אין אידן די כח פון זיך אוועקגעבן פארן באשעפער - דער גוי איז בטל געווארן פון זיך אליין!

דער גאנצער גוי איז באשאפן געווארן, ווייל ער האט א 'ניצוץ הקודש'

ווי עס שטייט פון ספרים הקדושים, וואס דער איד דארף ארויסנעמען, דער גוי איז נישט באשאפן געווארן פאר גארנישט, ער בעט דעם איד ׳נעם שוין ארויס דעם ניצוץ הקדוש, ער וויל שוין פגר׳ן, ער וויל שוין אוועקגיין אין זיין טומאה אריין, דארטן׳... רבי ישעי׳לע האט דאס אויסגעלערנט פאר אידן.

עס איז געווען א מורא׳דיגע מעשה ביי רבי ישעי׳לע. רבי ישעיה אשר זעליג מרגליות זצ״ל ברענגט די מעשה אין זיין ספר, האט עס פארציילט. עס איז געווען א איד וואס איז געווען אן עני ואביון, האט ער זיך אויסגעוויינט פאר רבי ישעי׳לע, אז ער קען שוין נישט אזוי ווייטער אנגיין, האט אים רבי ישעי׳לע געזאגט: ״גיי מאך א נייעם געשעפט און וועסט ווערן א גרויסער עושר!״.

איין טאג קומט ער אריין צו רבי ישעי׳לע, און ער רעדט זיך אפ, וואס איז? רבי, זייט ער איז געווארן אן עושר - זאגט ער - האב איך באקומען חברים, קאזינס, זיידעס, עלטער זיידעס, אוי, דער רבי קען זיך נישט פארשטעלן, איך בין געווארן א גרויסע משפחה, פון א קליינע משפחה, פון א קליינע מענטש, איז געווארן א גרויסער מענטש... איך האב חברים, ווייסט וויפיל אידן האבן געלערנט מיט מיר אין איין חדר? אסאך מער וויפיל די חדר האט געהאט אפילו!... וויפיל קאזינס איך האב... רבי, דאס איז נישט מעגליך אזוי!

אזויווי רבי ישעי׳לע הערט דאס, זאגט ער: ״גיב מיר די רשומה פון אלע דיינע קאזינס און חברים!״, און רבי ישעי׳לע שרייבט, ווען ער האט געענדיגט, זאגט אים רבי ישעי׳לע, ״נו, דו ווילסט דאך זיי נישט געבן, וועל איך פארשאפן א צווייטער ווער עס זאל זיי געבן!״...

״אוי״ דער איד כאפט זיך, זאגט ער ״רבי, ניין ניין!״... ״דו ווילסט דאך נישט געבן!״... און ער קוקט אזוי אויף רבי ישעי׳לע, ער גייט אים מאכן פאר אן ארימאן, אזוי אינמיטן העלן... רופט זיך אן רבי ישעי׳לע די ווערטער: ״פארוואס דען דארף מען פרנסה, אויב נישט צו טיילן פאר אידן?!״...

דאס איז געווען רבי ישעי׳לע, און דאס איז וואס רבי ישעי׳לע לערנט אונז אויס, וואס אונז קען מיר אלע, יעדע איד, גיין אין די מהלך. יעדע טאלאנט וואס א מענטש האט, צו ער האט געלט, צו ער האט א גוטע מויל, צו ער קען שיין דאווענען, צו ער קען טראכטן פון א צווייטן איד, און זיך מתגבר זיין אויף נסיונות. רבי ישעי׳לע איז די שטערקסטער מוסטער פאר אונז, וויאזוי א מענטש קען דורכגיין די שווערסטע גלות׳ן מיט אלע אונזערע פראבלעמען. עס איז איין ווארט: **אוועקגעבן פאר יענעם!** גיב דיך אוועק פאר יענעם, לעב נישט אין זיך, דאס איז געווען רבי ישעי׳לע.

## ישעי׳ הנביא האט אים געמאכט פאר רבי׳...

יעדע התגברות: לע״נ ר׳ ישעי׳ ב״ר משה...

דער מהרש״ג איז געווען ביי רבי ישעי׳לע, און מען האט אים געפרעגט, וואס ער זאגט אויף רבי ישעי׳לע? דער מהרש״ג איז דאך געווען א גאון הגאונים, האט ער געזאגט: דו ווייסט ווער עס

האט געמאכט רבי ישעי'לע פאר רבי? זאגט ער: ישעיה הנביא האט אים געמאכט פאר רבי! וואו האט אים ישעיה הנביא געמאכט פאר רבי? האט ער געזאגט אז ישעיה הנביא זאגט אין ישעיה נח: הלא פרוס לרעב לחמיך ועניים מרודים תביא בית, דו וועסט נעמען ארימעלייט און דו וועסט זיי אריינגעמען אין שטוב, וועסט זיי געבן צו עסן, וועסט זיי אנטון קליידער, שטייט ווייטער אין פסוק: אז תבקע כשחר אורך, ויהלך לפניך צדקך, תקרא וה' יענה, דער הייליגער באשעפער זאגט, אז ווען א איד גיבט זיך אוועק פאר אנדערע אידן, עס איז נישט נאר איינער וואס גיבט זיך אוועק מיט געלט, יעדער האט מיט וואס זיך אוועקצוגעבן פון זיך.

ווען א איד שטייט אויף פארטאגס לעילוי נשמת רבי ישעיה בן משה, אה דאס האט רבי ישעי'לע געוואלט! זיך אוועקגעבן פארן אויבערשטן! זיך אוועקגעבן פאר אידישע קינדער!

ווען מען גיבט 'פארמולע' פאר קינדער, מען באקומט עס, און איך גיב געלט אז אידישע קינדער זאלן האבן כח צו דינען דעם אויבערשטן, אוועקגעגעבן זיך פאר אנדערע אידן, ער האט אויפגעבויט אנדערע אידן.

אבער עס איז נישט נאר אין גשמי, רבי ישעי'לע באטרעפט רוחניות אויך, יעדע עבודה וואס א מענטש, ווען א מענטש האט א נסיון אין הסתכלות און ער האלט זיך צוריק, זאל ער זאגן: לעילוי נשמת רבי ישעי' ב"ר משה, ווייל איך בין א קערעסטירער חסיד, איך האלט מיך שטארק מיט קערעסטיר, אונז האבן א מהלך, איך גיי אויף א באוועגונג וואס רופט זיך אוועקצוגעבן מיין אנכיות פארן הייליגן באשעפער, און פאר אידישע קינדער.



**אידן רייסן איין ביים ציון הקדוש אין קערעסטיר**
ביי נעילת היום ג' אייר תשפ"ד

צו ערהאלטן **אונזערע גליונות** יעדע וואך,
שיקט צו:
gilynospm@gmail.com

## אור לנתיבתי

# פארן אין קאנטרי בשלום ובשלוה

**א אינגערמאן האט אנגעפרעגט, ער וויל גיין אין קאנטרי, זיין בני בית וויל גיין אין קאנטרי, אבער זיין בני בית איז אין קאנטרי זייער אנגעצויגן, זי טענה'ט, ער העלפט נישט גענוג, זי וויל קענען ארויסגיין, זי וויל קענען האבן אביסל צייט פאר זיך אין די קאנטרי, למעשה, זי טענה'ט, ער העלפט איר נישט געהעריג ארויס, און זי זאגט, טאמער ער גייט זיך נישט אונטערנעמען מער ארויסצוהעלפן, קען מען נישט אזוי גיין אין קאנטרי, און ער איז צעמישט, ער ווייסט נישט וואס צו טון.**

תשובה: אויב וואוינט מען אין שטאט, און רוב מענטשן, עכ"פ ער איז שוין צוגעוואוינט, צו גיי אין קאנטרי, דארף מען גיין אין קאנטרי, און מען דארף טאקע זען צו האבן א מהלך, אז דו זאלסט קענען האבן דיין רואיגע צייט, דיין צייט פון לערנען, דיין צייט פון פארברענגען, דיין מנוחה, דיין שמחה, דיין רואיגקייט, דיין ישוב הדעת אין די קאנטרי. און מען דארף אבער אויך אויסרעכענען, אז עס זאל זיין צייט פאר די בני בית, אז זי זאל קענען גיין זיצן אביסל מיט חבר'טעס, קענען גיין אביסל שפאצירן, קענען גיין שווימען, אביסל זיך אויסצולופטערן פון די עבודת הקודש, און די גרויסע שווערע ארבעט וואס מען האט דורכן יאר, ווען מען וואוינט אין די שטעט.

עס איז זייער וויכטיג אז די מאן זאל ווייזן פאר די בני בית, אז ער פארשטייט, און ער האט ארויס וואס זי וויל מיט קאנטרי, עס איז זייער

וויכטיג פאר די ווייב זאל ווייזן פאר די מאן, אז זי פארשטייט און זי האט ארויס, וואס ער וויל פון קאנטרי.

עס מאכט זיך זייער אסאך מאל, אז די כוונה, די תכלית, די ציל פון קאנטרי, איז נישט די זעלבע, די מאן מיט די פרוי. לאמיר אנכאפן א משל, עס קען זיין א אינגערמאן, א כולל אינגערמאן, ער שפירט אז מען גייט אין קאנטרי, ער גייט אדורכלערנען א מקצוע אין הלכות שבת, אין הלכות רבית, וואס אין שטאט האט ער נישט גענוג צייט און צמצום המח, דא גייט ער זיך זעצן, די אכט-ניין וואכן פון די זומער, ער גייט דאס אדורכארבעטן מיט א קלארקייט וכדומה, אנדערע נעמען אין די קאנטרי א געוויסע ארבעט, צו קענען האבן געלט צו באצאלן די קאנטרי, אדער צו האבן געלט פון די זייט, עס איז דא אסאך אנדערע כוונות, וואס מענער האבן פארוואס זיי גייען אין די קאנטרי, די פרויען האבן אנדערע כוונות פארוואס זיי גייען אין די קאנטרי, צו ווייל זיי האבן ליב די לופט, צו ווייל זיי האבן ליב צו זיין אסאך אויף די גאס, וואס אין די שטאט איז נישט דא די מעגליכקייט, צו ווייל זיי ווילן גיין יעדן טאג שווימען, זיי ווילן גיין שפאצירן, זיי ווילן גיין איינקויפן, וואס אין שטאט איז סאך שווערער די אלע זאכן.

מען דארף זיך אראפזעצן, די מאן און ווייב, און מאכן א קלארקייט. די מאן זאל זאגן פונקטליך וואס ער וויל, און וואס זיין ציל איז מיט קאנטרי. די פרוי זאל זאגן וואס זי וויל, וואס איר ציל איז אין קאנטרי. און זיי זאלן זיך פארגלייכן, יעדער איינער זאל זען נאכצוגעבן פארן צווייטן, און מאכן זיכער אז דער צווייטער האט זיין ציל באקומען, פארוואס ער גייט אין קאנטרי, פארוואס זי גייט אין קאנטרי. פארשטייט זיך יעדער איינער דארף פון זיך אביסל אוועקגעבן. איך פארשטיי מיין מאן, און איך וועל פראבירן צו האבן זיין חלק די מערסטע וואס איך קען, און די מאן זאגט, איך פארשטיי מיין ווייב און איך וועל אביסל מוותר זיין פון וואס איך וויל, כדי איך זאל קענען האבן זיבעציג-אכציג פראצענט וואס איך וויל, און מיין ווייב זאל אויך האבן אירע זיבעציג-אכציג פראצענט, פארוואס זי וויל גיין אין קאנטרי.

די מאן און ווייב דארפן דאס אויסשמועסן מיט א געטריישאפט, מיט א ווארימקייט און מיט א קלארקייט.

טאמער די מאן וועט זאגן, איך וויל עכט נישט גיין אין קאנטרי, נאר מיין ווייב וויל גיין אין קאנטרי. די ווייב וועט זאגן, איך וויל נישט גיין אין קאנטרי, נאר מיין מאן וויל גיין אין קאנטרי, דארף מען זיך אויך אראפזעצן, די מאן זאל זאגן קלאר פאר די ווייב, פארוואס ער וויל גיין, די ווייב זאל זאגן קלאר פארוואס זי וויל נישט גיין, אדער פארקערט, און דערנאך זאל מען זיך פארגלייכן. דער וואס וויל נישט גיין זאל זאגן, איך גיב דיר נאך און איך קום יא, אבער איך וואלט געוואלט דו זאלסט מיר פארשטיין, און מיילא גיב מיר כאטש אזויפיל. און דער אנדערער זאל מכיר טוב זיין, איך דאנק דיר פארן קומען, ווען דו האלסט נישט ביים קומען, און איך קום דיר אנטקעגן, און אזוי ווערט א שלום, א שמחה, א מנוחה, און מען האט עס אויסגעשמועסט, און דאס איז די עיקר, און אויך עס איז דא א קלארקייט. יעדער ווייסט אין קאנטרי, וואס מען דארף צו טון, וואס איז מיין תפקיד, און וואס בין איך דא אין קאנטרי, און וויפיל דארף איך געבן פאר יענעם, און וואס קען איך תובע זיין, און וואס נישט, מען האט עס אויסגעשמועסט, און מען האט עס מסדר געווען, און מען האט זיך פארשטאנען, און מען האט שלום געמאכט, יעדער איינער שפירט אז איך האב געגעבן מיך אוועק פאר יענעם, און יענער האט זיך אוועקגעגעבן פאר מיר.

**מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.**

---

## קול פנים מאירות: שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א

**צענטראלע נומער:** 845-414-0076 | **א"י:** 072-370-1823 |
**ענגלאנד:** 0330-350-3190 | **ארגענטינע:** 5411-2152-7691
| **אנטווערפן:**323-346-0673 | **מאנטריאל:**438-228-2500

---

# אפשר לשמוע שיעור פתיחת הזמן לבחורי חמד שיחי'

# לזמן הקיץ תשפ"ה

**שנמסר על ידי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

**על הקו פנים מאירות קנעפל: 01**

## ארבעט אויף דיך
## צוזאמען מיטן חינוך חלק ו'

### חינוך איז א פלאג און א מוטשעניש

אין די הגדה שטייט: 'ואת עמלינו אלו הבנים', זיך פלאגן, איז קינדער. יעדער מענטש איז אראפגעקומען אויף די וועלט זיך צו פלאגן, אשרי מי שעמלו איז, בנים ובנות. דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן, ווער עס האט נישט די פלאג פון זיך מוטשענען אויף זיינע זינען און טעכטער, דאס איז דאך געפערליכע יסורים. די זיסטע יסורים, די זיסטע שוועריגקייט, וואס אונז האבן אויף די וועלט, איז, אז אונז האבן 'צער גידול בנים', און אונז לייג מיר אריין אונזערע כוחות, אונז לייג מיר אריין אונזערע מוחות, אונז לייג מיר אריין אונזער צייט און געדולט, און סבלנות, אין חינוך.

### עס איז נישט קיין פראבלעם - דאס איז חינוך

אונז האבן זייער א שטארקע פראבלעם אין סבלנות. ווען אונז זע מיר א פראבלעם אין א קינד, אונז גיי מיר ארויס פונעם גלייכגעוויכט, אונז גיי מיר גראד אריין אין אנגעצויגנקייט, "אוי, עס איז דא א פראבלעם!"...

טייערע מחנכים, עס איז נישט קיין פראבלעם! 'ואת עמלינו אלו הבנים', חינוך הבנים והבנות איז אן עמל, מען פלאגט זיך דערויף.

איך וויל דיך פרעגן א שאלה: ווען א מענטש גייט אריין אין זיין ארבעט, און ער דארף מאכן ספרים שענק, טישן און בענקליך, ער דארף מאכן פורניטשער. מען ברענגט ריזיגע העלצער, דיקע העלצער, לאנגע העלצער, ער דארף עס שיין צעשניידן אויף א פונקטליכע מאס. האסט שוין אמאל געזען, ער זאגט "אוי בעל הבית טייערע, איך בין דיר גרייט צו מאכן ספרים שענק, איך האב נישט קיין פראבלעם, אבער איך קען נישט ארבעטן מיט די זעג מאשין, און איך קען נישט האקן אזויפיל נאגלען, און איך קען נישט אזויפיל קלעבן, און איך קען נישט אזויפיל צאמשטעלן, עס איז אוממעגליך, מען דארף זען עפעס צו טון דא!"... דער בעל הבית זאגט אים: "דאס הייסט בויען ספרים שענק, שניידן, צאמשטעלן, קלאפן די נעגל, דאס איז די ארבעט, עס איז נישט דא עפעס אנדערש! אלא מאי, דו ווילסט נישט ארבעטן!"...

'ואת עמלינו אלו הבנים', דאס איז עס, אלע שוועריגקייטן, יעדע פראבלעם, יעדע מוטשעניש, דאס איז חינוך! חינוך איז נישט צו באקומען פון די מחנכים ומחנכות גוטע צעטליך, און קאמפלימענטן אויף דיין קינד. דאס איז זייער א גוטע זאך, עס איז א מתנה פונעם אויבערשטן, איך וואונטש עס פאר יעדע טאטע מאמע, פאר יעדן מחנך און מחנכת, אבער דאס איז א מתנה פונעם אויבערשטן, דאס האט גארנישט מיט חינוך. את עמלינו אלו הבנים, חינוך איז אן עבודת הפרך, שווערע ארבעט, אסאך קאפ, אסאך מח, אסאך צייט, אסאך סבלנות, אסאך חכמה בינה און דעת, און זיך מוטשענען און פלאגן, און

אויסגעמוטשעט ווערן, אנגעפלאגט ווערן, און זען די פירות, עס קומט נישט גרינג.

ווען מען זעט א קינד הייבט אן רעדן ווילד, א קינד זאגט ליגנט, א קינד גנב'עט, א קינד רעדט שארפע ווערטער, א קינד סטראשעט איך גיי נישט אין חדר, איך גיי נישט אין שולע, איך גיי נישט דאווענען, ניין איך וויל נישט עסן די סעודת שבת, איך וויל נישט זינגן זמירות - יא, אונז זע מיר היינט קינדער טוען עס...

וואס דארף מען טון לויט די שיעור וואס מען האט געהערט היינט? די ערשטע זאך דארפסטו זיין 'יש דורשין לשבח', עס קען זיין אז ווען דו ווערסט איבערטראכטן ביי דיר, ווערסטו זאגן, "איך זינג אייביג זמירות, עס קען נישט זיין עס איז מיין כח הפועל בנפעל!" ריכטיג, איך דינג זיך נישט דערויף, אבער אפשר מאכסטו אוועק זמירות פון אנדערע מענטשן? אפשר מאכסטו בכלל אוועק מענטשן אויף אנדערע זאכן? דיין קינד פרעגט דאך דיך נישט וואס יא אוועקצומאכן און וואס נישט... קודם מוזטו מאכן זיכער, אז דו מאכסט נישט אוועק, דו ביסט נישט קיין אוועקמאכער, מאכסט נישט אוועק אנדערע, מאכסט נישט אוועק זאכן, ווייל ווען דו מאכסט אוועק סאדע, דיין קינד מאכט אוועק קידוש... איי, וואס האט איינס מיטן צווייטן? אונז האבן פריער מסביר געווען, א שטוב דארף זיין א פאזיטיווע, קען מען אנגיין פאזיטיוו.

בכל אופן, גיי צי צו דיין קינד און זאג אים: "יענקעלע טייערע, שלום עליכם דארף מען מיטזינגען, און מען דארף שטיין אויפן פלאץ, ביי קידוש דארף מען שטיין מיט דרך ארץ, שטיל און רואיג, די זמירות דארף מען מיטזינגען, ביי די סעודה דארף מען זיצן אויפן פלאץ, צו הערן די מעשיות און דברי תורה, מען קען נישט ארומשפרינגען, נישט אזוי זעט אויס א אידישע סעודה, דאס איז נישט קיין דרך ארץ, און א אידישע סעודה דארף האבן א העכערקייט, א דיסציפלין, א דרך ארץ! יענקעלע! דו דארפסט מיטארבעטן, דו ביסט א קלוג קינד, דו ביסט א וואויל קינד, אונז ארבעט מיר צוזאמען! איך ארבעט אויף מיר צו מאכן א שיינע סעודה, און דו ארבעט מיט אז עס זאל ווערן א שיינע סעודה! יעדער איינער קען אמאל ארויסטאנצן פון די הויט, יעדער איינער קען אמאל האבן נישט געדולט, אבער דאס איז אונזער ארבעט, דאס איז אונזער עבודה בעולם הזה, אונז שטארק מיר זיך, אונז האבן כוחות, דורך דעם וואקסן מיר, ווענן דעם האבן אונז חכמה בינה ודעת, ווענן דעם זענען מיר אידן!".

דו קענסט זאגן אזא דרשה פארן קינד, עס קען זיין עס וועט אויסזען אז ער הערט דיר נישט אויס, עס קען זיין ער וועט דיר צוריקענטפערן, אבער עס גייט אריין, ווייל עס קומט פון 'ודברת בם'. דו ווערסט זען, צוביסלעך, נאכאמאל און נאכאמאל, אוודאי נישט ווי א פגע, זונטאג מאנטאג דינסטאג און דאנערשטאג, נאר איין מאל א וואך, א געשמאקע שמועס, צוביסלעך ווערסטו אנפאנגן זען ווי דיין קינד זיצט ביים שבת'דיגע סעודה, נישט צו דערקענען! אבער מאך זיכער אז די גאנצע אטמאספער פון די הויז איז אזוי, נישט נאר שבת, נאר אפילו אינדערוואכן אויך. דאס איז אונזער עבודה, אונז דארף מיר וויסן, אונזערע קינדער זענען קלוג, ערליך, זיי ווילן זיין גוט, זיי ווילן מיטארבעטן מיט אונז, זיי האבן כוחות, אבער אונז דארף מיר זיין 'ודברת בם'.

**המשך יבוא אי"ה**